# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר מוויען שליט״א

### בתוך דרשת ז׳ אדר תשע״ז לפ״ק

**קיום המצוות בשמחה ובפנימיות הלב • השתמשות בכלים הטכנולגיים בלי גדרים, מאבדים את האדם ומהותו והינוך ביתו אחריו • חינוך הבנים לאמונה פשוטה, ולהחדיר בלבותם אהבה והמימות לדרכי התורה**

**יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען**

**מען** לייענט אין די מגילה (אסתר ב-ה), איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי, עס איז געווען אן איש יהודי אין שושן הבירה, ער האט געהייסן מרדכי. ער רופט אים אָן א איש יהודי, זאגט רש״י, ווייל ער איז געקומען פון גלות יהודה, און די געגענט ירושלים הייסט יהודה, און די אלע וואס זענען געקומען מיט מלכי יהודה אין גלות, האבן די גוים זיי גערופן יהודים אפילו זיי האבן געשטאמט פון אנדערע שבטים. אזוי ווי מרדכי איז דאך געקומען אין גלות, אשר הגלתה מירושלים, איז ער איש יהודי. מען דארף פארשטיין, איז דען מרדכי געווען דער איינציגער איש יהודי בשושן הבירה? אלע אידן וואס זענען געווען אין גלות זענען דאך געווען יהודים, פארוואס האט נאר מרדכי באקומען דעם טיטול איש יהודי היה בשושן הבירה.

**און** מ׳זעהט שפעטער (שם ג-ב), כל עבדי המלך אשר בשער המלך כורעים ומשתחוים להמן, כי כן צוה לו המלך, ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה, מרדכי האט זיך נישט געבויגן. ויאמרו עבדי המלך מדוע אתה עובר את מצות המלך, ויהי כאמרם אליו יום ויום ולא שמע אליהם, איז מען געגאנגען זאגן פאר המן, היעמדו דברי מרדכי ׳כי הגיד להם אשר הוא יהודי׳. וואס איז טייטש ער האט געזאגט אז ער איז א יהודי, אלע אידן האט מען אנגערופן יהודי, וואס איז ער מדגיש כי הגיד להם אשר הוא יהודי.

### דברי הרה״ק מפיאסעצנא: פשוט להיות יהודי חסר לי .. רוצה אני להתגייר ולהיות יהודי

**קען** זיין דער ענין דערפון איז אזוי, פאר די קריג האט געוואוינט אין פוילן א גרויסער צדיק א רבי פאר חסידים, ער האט געהייסן דער פיאסעצנער רבי, ער האט זיך זייער אסאך אפגעגעבן מיט בחורים און יונגעלייט, ער האט ארויסגעגעבן ספרים, ספר ׳חובת התלמידים׳ פאר יונגע בחורים, ׳הכשרת אברכים׳ פאר יונגעלייט. אין דעם ספר הכשרת אברכים צום סוף, איז געדריקט א קליין קונטרס, ׳צו וזרוז׳ הייסט עס, עס איז פארשידענע שריפטן, וואס ער האט געשריבן פאר זיך, און מ׳האט דאס שפעטער געטראפן און מ׳האט דאס מיטגעדרוקט צוזאמען מיט דעם ספר. ווען ער איז אלט געווארן פערציג יאר, געווען נאך א יונגערמאן, האט ער פאר זיך פארגעשריבן א צעטיל, וואס ער איז נתעורר געווארן צו זיין פערציגסטן געבורטס טאג. איז אפגעדרוקט דארטן אין דעם ׳צו וזרוז׳ (אות יט) די פאר שורות. איך וועל איבערזאגן וואס ער שרייבט דארטן.

**ער** הייבט אן אזוי: ב״ה איך בין אריינגעקומען אין מיין פערציגסטן געבורטס טאג פון מיין לעבן, דאס מיינט אז ס׳הייבן זיך יעצט אָן ביי מיר די ימי הירידה, [ביי די פערציג יאר הייבט זיך שוין אן די צווייטע העלפט פונעם לעבן], **וכבר אתחיל להזדקן**, איך הייב שוין אָן עלטער צו ווערן. **לבי ירא ויפחד**, מיין הארץ האט מורא און ס׳איז דערשראקן, **לא מן הליכת שנותי כל כך אני מפרכס**, איך בין נישט דערשראקן פון דעם וואס די יארן לויפן, **כי לכך נוצרתי**, פאר דעם בין איך באשאפן געווארן, **רק מדלות שנותי שעברו ועוברות**, איך בין דערשראקן פון די ליידיגקייט פון מיינע יארן וואס איז אדורכגעגאנגען און זיי גייען אדורך, **ובדלות וריקות**, מיט אן ארימקייט און מיט א ליידיגקייט, **בשפלות וקטנות**, מיט שפלות און קטנות, וועגן דעם בין איך באזארגט. שרייבט ער נאכדעם, **אבל אל נא אתייאש עתה**, איך גיי זיך נישט יעצט מייאש זיין, **אנסה להתאזר בכל כוחי**, איך גיי פרובירן זיך צו שטארקן מיט מיין גאנצן כח, **לקבל עלי להתקשר בו יתברך בקשר של קיימא**, איך גיי זיך צובינדען צום אייבערשטן מיט א קשר של קיימא, **וכולי האי ואולי**, אפשר וועל איך זוכה זיין דערהויבן צו ווערן.

**צווייטע** פאראגראף: **ומה אקבל עלי**, וואס זאל איך נעמען אויף מיר יעצט צו פארבעסערן מיינע מעשים, **ללמוד יותר**, איך וועל נעמען אויף מיר אז איך זאל לערנען מער, **כמדומני**, איך מיין, **שמה שאפשר לי שלא ללכת בטל**, וויפיל ס׳איז מעגליך נישט צו גיין בטל, **אינני הולך בטל**, איך גיי נישט בטל, איך נוץ אויס מיין גאנצע צייט אויף צום לערנען, ער שפירט נישט אז ער זאל דארפן אויף זיך נעמען מער אויף לימוד התורה. **להתרחק מן התאוות**, איך זאל זיך דערווייטערן פון תאוות, **אם אין יצרי מרמה אותי**, טאמער מיין יצר נארט מיך נישט, **ב״ה אינני משועבד כל כך לתאוה גופניות ח״ו**, איך שפיר זיך נישט משועבד צו גופניות׳דיגע תאוות. **ומה חסר לי**, וואס דען פעלט מיר, **׳פשוט להיות יהודי חסר לי׳**, עס פעלט מיר פשוט צו זיין א איד. **דומה אני בעיני**, איך טוה מיר פארשטעלן פאר מיין אויגן, **כצורת אדם מצוירת, שהכל בה**, וואס אלעס איז דא אין איר, **הגוונים**, ער האט אלע קאלירן, **והצורה**, און אלע אברים, **רק אחת חסירה**, איין זאך פעלט דערפון, **הנשמה חסרה**, די נשמה וואס דארף מאכן לעבן דאס פעלט פון אים.

**רבוש״ע צופה ומביט כל נעלם**, דו קוקסט דאך אלעס וואס איז באהאלטן, **לפניך אתוודה ולפניך אתחנן**, פאר דיר בין איך מתוודה און

איך בעט זיך, **מושלך ומרוחק אני ממך ומכל היכליך הרחק מאוד**, איך שפיר זיך אוועקגעווארפן פון דיר זייער ווייט, **פשוט רוצה אני מעתה להתגייר**, איך וויל זיך מגייר זיין, **ולהיות מעתה יהודי**, איך וויל פון יעצט אן זיין א איד, **רבוש"ע הושיעני**, העלף מיר, **שלא אבלה את שארית שנותיי**, איך זאל נישט פארברענגען מיינע איבריגע יארן, **בין חמורי ואתוני וכלבי**, צווישן מיין פערדל און מיין אייזעל און מיין הינטל, **קרב אותי אליך**, זיי מיך מקרב צו דיר, **והכניסנו היכל לפנים מהיכל**, **קשור אותי אליך לעולם ועד**, טו מיך צו בינדן צו דיר לעולם ועד.

## 'לא די להאיש להתנהג בחסידות, רק שיעשה גם הוא חסיד'

**ער** ענדיגט נאך איין פאראגראף דערצו, און מיט דעם וועל איך ענדיגן זיינע ווערטער: **לא די לו לאיש**, עס איז נישט גענוג פאר א מענטש, **להתנהג בלבד בחסידות**, ער זאל זיך פירן מיט חסידות, **רק שיעשה הוא חסיד**, ער זאל אליין אויך ווערן א חסיד. עס איז נישט גענוג ער פירט זיך חסידיש, ער דארף זיין א חסיד. **ולא די שיתנהג בקדושה**, ס'איז נישט גענוג אז א מענטש פירט זיך הייליג, **רק שגם הוא יתקדש**, ער זאל ווערן א קדוש, **כמו שצונו קדושנו**, ווי דער אייבערשטער האט אונז געהייסן, **והתקדשתם**, עטץ זאלטס ענק הייליגן, און אויך **והייתם קדושים**, מ'זאל זיין א קדוש אליין. **גם כן לא די לו להתגבר בלבד על יצרו**, עס איז נישט גענוג וואס א מענטש איז זיך מתגבר אויפן יצה"ר, **רק גם להעשות גבור**, ער זאל ווערן א גבור, **להיות אדון על עצמו ולבו ברשותו**, ער זאל זיין א הער אויף זיך, און זיין הארץ זאל זיין אין זיין רשות. עד כאן וואס דער פיאסעצנער רבי שרייבט ווען ער איז געווארן פערציג יאר.

**ס'איז** מבהיל על הרעיון די ווערטער, א אדם קדוש וואס איז מעיד אויף זיך אז ער איז נישט מבטל פון זיין לערנען, ער האט נישט וואס מוסיף צו זיין אין לימוד התורה, ער גייט נישט בטל. ער איז מעיד אויף זיך אז ער איז נישט משועבד צו קיין גופניות'דיגע תאוות, און ער שפירט נישט אז ער דארף אויף זיך נעמען עפעס א זהירות און א זריזות אין די ענינים. אבער ער שפירט אז איין זאך פעלט אים, ער בענקט זיך צו זיין א פשוטער איד, און ער וויל זיך מגייר זיין און ווערן א איד, דאס פעלט אים און אויף דעם בענקט ער זיך. וואס איז פשט דערפון? א מענטש וואס לערנט און איז נישט מבטל זיין צייט, און ער פירט זיך בקדושה, און ער שפירט אז עס פעלט אים אז ער איז נישט קיין איד.

## עבודת האדם להיות יהודי גם בפנימיותו, שיהא לבו בוער באהבת ה'

**דער** פשט דערפון איז, **עס איז דא אמאל איינער, ער קען מקיים זיין אלע מצוות פונעם אייבערשטן, אבער עס איז נישט געווארן זיין מהות, זיין מהות איז נישט תורה, זיין מהות איז נישט אידישקייט, ער מוז מקיים זיין די תורה ווייל דער אייבערשטער האט אים אזוי מצווה געווען. ער איז א איד, ער האט מקבל געווען די תורה, ער מוז פאלגן וואס דער אייבערשטער הייסט אים, אבער במהותו, אין זיין מהות, בלייבט ער א מגושם. ער איז אן איש מגושם, אבער ער טוט וואס מ'האט געהייסן אז מ'דארף צו טוען.** ער פירט זיך בקדושה ווייל מ'האט אים אזוי געהייסן, ער איז מצווה געווארן צו זיין א קדוש מוז ער זיך פירן בקדושה, און ער איז אן ערליכער און ער טוט וואס מ'האט אים געהייסן, אבער זיין מהות איז נישט קיין קדוש, ער קען זיך נישט טיטולירן אז ער איז הייליג, אז ער איז א קדוש. ער קען זיך פירן בחסידות, אבער דאס איז נישט זיין עצמיות, ער פירט זיך נאר אזוי, אבער דאס איז נישט דער מענטש אליין.

**דאס** איז דומה אזוי ווי א מענטש געפינט זיך אין א תפיסה, און ער טוט אלעס וואס מ'וועט אים הייסן טוען, ער האט דאך נישט קיין ברירה, ס'איז דאך א תפיסה, ער מוז פאלגן אפילו ווען זיין פנימיות איז ווייט דערפון, אבער ער טוט וואס מ'הייסט אים. אזוי קען אמאל זיין א מענטש אויף דער וועלט, ער טוט אלעס וואס די תורה פארלאנגט פון אים, ס'איז געצווינגען, ער איז א איד און ער מוז טוען, אבער די תורה האט אים נישט איבערגעדרייט אז 'זיין פנימיות זאל זיין א איד', זיין פנימיות זאל זיין ערליכקייט, ער זאל נישט זיין מגושם און ער זאל זיין צוגעבינדען צום אייבערשטן, דאס פעלט אים.

**און** אויף דעם שרייבט ער, אז ער בענקט זיך צו זיין א פשוטער איד, אז זיין נפש זאל זיין מקושר צום אייבערשטן מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, עס זאל ברענען ביי אים ווי א פלאם פייער זיך מדבק צו זיין צום אייבערשטן. ער זאל זיין אפגעזונדערט פון אלע עניני גשמיים וואס א מענטש האט אין פנימיות, עס איז נישט גענוג איך וועל זיך פירן בקדושה, איך וועל זיך פירן בפרישות, ווייל אזוי האט מען מיר געהייסן און אזוי מוז איך טוען, איך בין א איד, איך מוז פאלגן וואס דער אייבערשטער האט געזאגט. נאר ער זאל זוכה זיין אז זיין 'מהות' זאל נתקדש ווערן, זיין מהות זאל זיין אידישקייט, מיין עצם איז א איד, ער זאל ווערן א חסיד און א קדוש אינעם מהות זיינעם, והתקדשתם, ער זאל זיך מקדש זיין, והייתם קדושים, און זיין א קדוש אליין.

**מיר לערנען, מיר דאווענען, מיר זענען פול מיט מצוות ומעש"ט, אבער אסאך מאל פעלט אונז צו זיין א איד אינעווייניג בפנימיות, אז די הארץ זאל אים ברענען מיט א ליבשאפט צום אייבערשטן, און זיין עבודת השם זאל זיין אן אש מתלקחת, ברענען ווי א פייער. נפשי חולת אהבתך, ער זאל שפירן א קראנקהייט צו ליבשאפט צו תורה. נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה', נישט ווייל מען הייסט אזוי צו טוען מוז איך פאלגן, נאר ס'זאל זיין נכספה וגם כלתה נפשי, א מענטש זאל גלוסטן, דאס הארץ זאל אים אויסגיין, צו קענען זיין בחצרות ה'. די עבודה צום אייבערשטן זאל זיין מיט א חיות מיט א געשמאק, דאס איז אסאך מאל וואס ס'פעלט ביי אונז. צו זיין א פשוטער איד, אז אינעווייניג דאס הארץ זאל ברענען פאר'ן אייבערשטן, פעלט אסאך מאל פונעם מענטש.**

*

## חוסר השמחה בשעת הנחת תפילין, כאילו נתבשר עכשיו בשלל רב

**עס** איז געווען אין ירושלים א איד, ער האט געהייסן ר' אלי' ראטה, ער איז געווען א משמש ביי ר' שלמה'קע זוועהלער ז"ל, ר' אלי' האט מען אים גערופן. איך האב געזעהן פארציילן אויף אים, ער איז אמאל אריינגעקומען אין ביהמ"ד צופרי פאר'ן דאווענען, האט ער געזעהן ווי עס שטייט א יונגערמאן און ער טוט אן תפילין, גייט צו ר' אלי' צו אים און ער זאגט אים: יענקל לאמיר מאכן א געשעפט, איך געב דיר פופציג דאלער, מיט א תנאי אז דו זאלסט איין טאג מוותר זיין נישט צו לייגן קיין תפילין. הייבט ער אן צו לאכן און ער זאגט, אזאנס זאל איך טוען, פאר פופציג דאלער וועל איך נישט לייגן קיין תפילין? זאגט ר' אלי', איך געב הונדערט, איך געב דיר צוויי הונדערט. יענער האט עס אפגעווארפן, ס'קומט נישט אין חשבון איך זאל נישט לייגן קיין תפילין. און ער זעהט אז ער דינגט זיך מיט אים, זאגט ער אים: ר' אלי' אפילו איר זאלט מיר וועלן געבן צוואנציג מיליאן דאלער, וועט מיר נישט איינפאלן אזא זאך אז איך זאל מוותר זיין איין טאג נישט צו לייגן תפילין!

**ר'** אלי' האט געהערט ווי ער זאגט אזוי, זאגט ער אים, איך גלייב דיר וואס דו זאגסט, אבער איך וויל דיר עפעס פרעגן, אויב ס'איז אמת וואס דו זאגסט, איז דאך טייטש אז דו ביסט מחשיב לייגן תפילין און ס'איז ביי דיר מער ווערד ווי צוואנציג מיליאן דאלער, אויב אזוי וויל איך דיך עפעס פרעגן, **פארוואס זעהט מען נישט אויף דיר די שמחה ווען דו טוסט אן די תפילין אזוי ווי דו וואלסט פארדינט יעצט א לאטערי פון**

**צוואנציג מיליאן דאלער?. אויב תפילין איז ביי דיר אזוי חשוב, פאר מער ווי צוואנציג מיליאן דאלער געסטו עס נישט אוועק, פארוואס פעלט די שמחת המצוה ביי דיר, ווען דו לייגסט די תפילין טוסטו עס כמצוות אנשים מלומדה, פארוואס איז נישטא ביי דיר די שמחה אויפן פנים כאילו דו וואלסט יעצט פארדינט אזא גרויס פארמעגן?**

**און** די קשיא איז מרפסין איגרא! ווייל ס׳איז דאך אמת ביי אונז, אז יעדע מצוה ביי א איד איז דאך יקרה היא מפנינים, נישטא קיין געלט אויף דער וועלט וואס מ׳זאל אוועקגעבן א מצוה פאר איר, כל חפציך לא ישוו בה, פארוואס פעלט אונז די שמחה של מצוה? פארוואס פעלט אונז די שמחה בשעת מיר טוען א מצוה? פארוואס גייט ער נישט ארויס טאנצן אזוי ווי ער וואלט געטאנצט ווען ער געווינט צוואנציג מיליאן דאלער, ער וואלט זיך נישט געקענט אהין טוען פאר שמחה, פארוואס זאל ער נישט שפירן אזא טעם בשעת ער איז מקיים א מצוה פונעם אייבערשטן? פארוואס זאלן זיין אונזערע מצוות, אונזער לערנען, אונזער דאווענען, כמעט אזוי ווי א מצוות אנשים מלומדה, וואס מ׳איז צוגעוואוינט און מען טוט אזוי.

*

## ׳תחת׳ אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה

**דער** פסוק זאגט אין די תוכחה, אז די פורעניות וואס דער אייבערשטער וועט ברענגען ח״ו אויף אידן, וועט זיין תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל (דברים כח-מז), מ׳האט נישט געדינט דעם אייבערשטן בשמחה, מיט א גוט הארץ, ווען דו האסט געהאט אלעס. עס שטייט פון ר׳ העניך מאלכסנדר זי״ע, א איד וואס פריידט זיך נישט אין עבודת השם מוז עפעס זיין באהאלטן אונטער דעם, ס׳מוז זיין א סיבה פארוואס די שמחה טוט נישט ביי אים פורץ גדר זיין בשעת ער טוט א מצוה. ס׳איז דא א ׳תחת׳, ס׳איז דא עפעס וואס ליגט אונטער דעם אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה. דו גלייבסט דאך אין די תורה, און דו ווייסט די חשיבות פון א מצוה, עפעס ליגט דא אונטער דעם, תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה, פארוואס דו דינסט נישט דעם אייבערשטן מיט א שמחה.

**און** דאס וואס דו נעמסט נישט אוועק די סיבה פון דיר וואס טוט שטערן פון עבודת ה׳, וואס דעמאלטס וואלט דאך געוועזן דיין עבודת ה׳ מיט שמחה, זאגט די תורה, פארדעם וועסטו באקומען אן עונש, תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה. **אוודאי יעצט האסטו נישט די שמחה, אבער פארוואס האסטו נישט געטוען דערצו, זיך מתבונן זיין פארוואס פעלט מיר די שמחה של מצוה, און וואס קען איך טוען אוועקצונעמען די זאך וואס ס׳שטערט מיך, אז פון היינט אן ווען איך דין דעם אייבערשטן זאל עס זיין מיט א פרייליכקייט.**

## התבוננות בגדלות הבורא, ממלא האדם בשמחה ואהבת ה׳

**מסתם** איז דא כמה טעמים דערויף און כמה סיבות דערויף, אבער דער ענין איז, כדי מקיים זיין די מצוות פונעם אייבערשטן מיט א געשמאק, מיט א חיות, מיט א שמחה, פארלאנגט זיך התבוננות, מ׳דארף ארייטראכטן זיך צו צוגרייטן, א איד דארף זיך מצמצם זיין במחשבה די גרויסקייט פונעם אייבערשטן, וואס דער אייבערשטער איז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, וואס דער אייבערשטער פילט אן די גאנצע וועלט, אין עוד מלבדו, ס׳איז נישטא קיין שום זאך אויף דער וועלט אויסערן אייבערשטן. ער דארף זיך מתבונן זיין אין די זכיה וואס מיר האבן אז דער אייבערשטער נעמט אן אונזער עבודת ה׳. געדענקן אז א איד שטייט שטענדיג פאר׳ן מלך מלכי המלכים הקב״ה, מקיים זיין שויתי ה׳ לנגדי תמיד, וואו ער איז זאל ער שפירן אז ער שטייט קעגן איבער דעם אייבערשטן. מיר האבן אזא פיינעם טאטען, דער רבוש״ע, וואס דער באשעפער קוקט זיך אום אויף אלעם וואס מיר דארפן. **ווען א איד לעבט מיט התבוננות אינעם רבוש״ע, ער לעבט אז דער אייבערשטער שטייט לעבן אים שטענדיג, דער באשעפער טוט אים אלע זיינע זאכן, אלעס וואס ער האט אויף דער וועלט באקומט ער פונעם אייבערשטן, ווערט זיין הארץ אנגעפולט מיט ליבשאפט צום אייבערשטן, די ליבשאפט גייט אריבער די גבולים, און ער בענקט זיך דעמאלטס צו דינען דעם אייבערשטן מיטן גאנצן הארץ.**

**חסידים** הראשונים היו שוהין שעה אחת לפני התפלה כדי שיכוונו לבם לאביהם שבשמים (ברכות ל:). מ׳קען זיך נישט שטעלן דאווענען סתם אזוי. **ווען א איד שטעלט זיך דאווענען און פאר דעם האט ער א שעה ישוב הדעת, זיך מתבונן צו זיין וואס מיינט תפילה, פאר וועם גיי איך דאווענען, פאר וועם שטיי איך, דעמאלטס ווען ס׳קומט די צייט אז ער שטעלט זיך דאווענען, ווען ער איז מתבודד פארדעם פון אלע הבלי עולם, און ער גרייט צו זיין הארץ צו גדלות הבורא, דעמאלטס קען ער צוגעבינדן ווערן מיט ליבשאפט צום אייבערשטן.**

**מען** געפינט ביי דוד המלך, ווען ער איז נתעורר געווארן זיך מתבונן צו זיין אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטן, ער האט מתבונן געווען אין די נפלאות וואס איז דא אין די בריאה, כי אראה שמיך מעשי אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננתה, ער האט ארויפגעקוקט אויפן הימל, ער האט אנגעקוקט די זון, די לבנה, די שטערנס, און ער האט אויסגעשריגן, מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית, ווי פיל זענען די מעשים פונעם אייבערשטן, וואס ער האט באשאפן מיט אזויפיל חכמה. ווען ער האט זיך מתבונן געווען אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטן, איז ער אויפגעפלאמט געווארן מיט געגועים צום אייבערשטן און ער האט אנגעהויבן צו שרייען, צמאה לך נפשי כמה לך בשרי, ער האט אנגעהויבן צו גליסטן צום אייבערשטן, נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה׳, ווייל ווען א איד האט ריכטיג התבוננות אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטן, שפירט ער פאר א זכיה, אז ער קען דינען דעם אייבערשטן און ער טוט עס מיט א שמחה.

## כהיום טרודים בהבלים יומם ולילה ממש, וחסר מנוחת הנפש לעבודת ה׳

**דאס** פעלט אונז היינט. אונזערע מחשבות זענען אזוי פארטועט אין וועלטליכע זאכן, מיט דברים של מה בכך, אז ס׳איז זיך שווער מצמצם צו זיין. ווען ער וויל יא נעמען א פאר מינוט זיך מתעורר זיין אין אהבת ה׳, קען ער זיך נישט קאנצעטרירן צוזאמען נעמען ער זאל קענען האבן די הכנה בעפאר ער גייט טוען א מצוה.

**אמאליגע** צייטן, ווען מען האט געוואוינט אין קליינע שטעטלעך, אין דערפלעך, ס׳איז נישט געווען קיין טעלעפאן, ס׳איז נישט געווען קיין שום פארבינדונג, אויסער די ד׳ אמות וואו מען איז געווען, האט קיינער כמעט נישט געוויסט וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט, נאר פון די שכנים ארום און וואס מ׳האט געהאט שייכות. מיט וואס איז דער קאפ פון א איד געווען אנגעפולט, וואס האט ער געקענט טוען?, יעדער ערליכער איד איז געווען זיין קאפ רואיג צו טראכטן פון העכערס, מתבונן זיין וואס איז דער לעבן פונעם מענטש, טראכטן אויפן תכלית פון זיין לעבן, זעהן ארייצוכאפן מצוות ומעש״ט, אלע אנדערע זאכן האט ער נישט געוויסט ער האט נישט געהערט, ס׳איז נישט געווען פון ווי ער זאל וויסן.

**מען וואוינט היינט אין גרויסע שטעט, מ׳איז מקושר מיט אלע נייעס׳ן וואס ס׳איז דא אויף דער וועלט. דער קאפ איז אנגעפולט מיט ידיעות** (אינפארמעישאן) **פון הונדערטער און טויזענטער מענטשן. ער הערט אלעס וואס ס׳האט פאסירט אין ארבע כנפות הארץ. דער קאפ פון א מענטש**

היינט איז אריינגעטועט אין שטותים מיט הבלים. ער פולט אן זיין קאפ מיט נארישקייטן. ווען ס׳קומט צו עבודת השם קען ער זיך קוים קאנצעטרירן די פאר מינוט וואס ער דארף האבן כדי ער זאל קענען טוען וואס עס פעלט אויס.

**נו,** מען קען דאך נישט משנה זיין די וועלט, דער אייבערשטער האט אונז אריינגעשטעלט אין אזא מדינה, זענען מיר דאך אזוי. אבער לעצטנס איז געקומען א פרישער נסיון פאר אונז, וואס נעמט אוועק, ס׳גזל׳ט אוועק פון אונז, דאס ביסעלע מנוחת הנפש וואס א מענטש האט געהאט נעמט מען אויך צו פון אונז. עס טוט צונעמען אונזערע מחשבות, און ס׳טוט זיי כובש זיין, אז מיר זאלן זיין אריינגעטועט אין הבלים פון די וועלט יומם ולילה. זייט ס׳איז ארויסגעקומען דער אינטער-נעט, זייט ס׳איז ארויסגעקומען די סמארט-פאונס, דער מענטש פארלירט זיין גאנצער מהות! אסאך מאל ווערט ער אזוי צוגעוואוינט דערצו, אז ער קען זיך אפילו נישט מסיח דעת זיין זיך אפצושאקלען דערפון. דאס ביסל ישוב הדעת וואס מ׳האט נאך געהאט אמאל, האט מען אויך שוין צוגענומען פון אונז.

## המשתמש באינטערנעט בלי פילטער,<br>הרי זה רשע ומומר לדבר אחד, וכל ימיו בהרהורי עבירה

**איך** רעד נישט יעצט פון די כלים וואס האבן נישט קיין פילטער, דאס איז אן אבי אבות הטומאה, מ׳האט דאס שוין צענדליגער מאל ארויפגעברענגט, דער וואס באנוצט זיך מיט א כלי וואס האט נישט קיין פילטער דער איז משוקע אין טומאה, אלע זיינע טעג און נעכט זענען בהרהורי עבירה, חז״ל רופן אים אן א ״רשע״, אין די גמרא (בבא בתרא נז:), רופט אים א רשע אפילו ווען ער פירט זיך דערמיט ווי א צדיק, אפילו ער וועט קיינמאל נישט קוקן אויף א זאך וואס ס׳איז דא דארטן וואס מ׳דארף נישט צו זעהן, אבער אז ער האט ביי זיך א כלי וואס ברענגט אים א נסיון און ער היט זיך נישט דערפון, זאגט די גמרא איכא דרכא אחרינא רשע מיקרי, אז מ׳האט אן אנדערן וועג צו גיין, ווערט מען אנגערופן א רשע.

**דאס** איז ווען ער זאל זיין א צדיק. אבער אונז ווייסן מיר דעם אמת, אונזער כח איז אזוי שוואך, איין טאג האבן מיר נישט קיין כח זיך מתגבר זיין אויפן יצה״ר. אונז האבן מיר נישט די כוחות הנפש. ס׳איז נישט קיין ספק, איך זאג עס דא אין א מקום קדוש, אז ווען א מענטש האט א כלי אן א פילטער, איז נישט מעגליך אז ער זאל נישט נכשל ווערן אין קיין איסור!, ער האט אן הלכה ווי א מומר לדבר אחד מן התורה!, ער האט גענומען א לאו אין די תורה און ער האט עס אויסגעריסן, לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם.

## לקבוע חותם גלוי על הטלפון שהוא מאושר ובכשרות

**און** אז מ׳רעדט שוין דערפון, איך האב דאס שוין געבעטן מערערע מאל און איך בעט עס ווייטער, אז ווער ס׳דארף יא האבן אזא כלי מיט א פילטער דערויף, זאל ער זעהן ארויפצולייגן א סטיקער פון די קאמפאני דערויף אז ער גייט מיט אן ערליכע כלי. ווען ער נעמט עס ארויס זאל יעדער זעהן אז ער האט אן ערליכע כלי וואס מ׳מעג נוצן.

## לתקן כליו שלא יבואו עליו שום תמונות

**א** פילטער נעמט אויך נישט אראפ אלעס. ס׳ליגט אויף יעדן איינעם א חיוב אזוי צו מאכן אז זיינע כלים וואס מ׳נוצט וואס ער דארף האבן, זאל נישט ארויפקומען דערויף קיין שום בילד. מ׳ווערט ליידער נכשל מיט קליפס וואס מ׳שיקט זיך ארום, ראיות אסורות פון נשים, אייגענע משפחה, פון די חברים.

**מענטשן** וואס זענען פארבינדן אין ביזנעס, און פון די קאמפאניס טוט מען אסאך מאל ארומשיקן, וואס ס׳פעלט זיי אויס. עס האט מיר פארציילט איינער, ער איז געזעסן אמאל מיט וואוילע יונגעלייט, און א ביזנעס קליפ איז אנגעקומען, און מ׳האט געשמועסט דאס איז יענעם׳ס ווייב און דאס איז יענעם׳ס ווייב וכו׳, מען האט קיינמאל נישט געהערט אזא שפראך ביי היימישע אידן. ס׳איז עבר ושנה נעשה להם כהיתר, ער האט אזויפיל עובר געווען דערויף אז עס ווערט אזוי ווי א היתר. מען שעמט זיך שוין נישט, מ׳ווערט שוין גארנישט דערשראקן אז ס׳קומט א בילד פאר זיינע אויגן, אזוי־ווי ס׳איז אמאל געווען ביי ערליכע אידן אין אלע דורות — איך רעד יעצט אבער נישט פון דעם, איך מיין נישט די נקודה פון וואס ס׳איז נישט כשר, וואס יעדער איינער דארף וויסן זיך צו היטן.

## קבלת חדשות והבלים משך היום,<br>מחריב את האדם בכלל ועובד ה׳ בפרט

**איך** רעד יעצט, לו יהא מ׳זאל האבן א פילטער וואס איז כשר ומהודר בתכלית הכשרות, און ער דארף עס פאר זיין פרנסה. דאס איז א כלי וואס מאכט חרוב דעם מענטש! א מענטש בכלל און א עובד ה׳ בפרט. א מענטש דארף זיך מאכן גדרים וסייגים אפילו ווען ער דארף עס האבן פאר פרנסה, איז דאס נאר אויף פרנסה, דאס איז נישט געמאכט געווארן — אויסער פרנסה — אז מ׳זאל עס נוצן פאר עפעס אנדערש. זיך באנוצן מיט דעם צו זיין סאשעל, האבן שייכות מיט אנדערע מענטשן, צו באקומען נייעס פון די פרעמד דערויף, וויסן וואס ס׳טוט זיך ביים חבר אין שטוב זאל מען מודיע זיין דערויף. און מ׳האט וואטס-עפ וואס מ׳איז פארבינדן מיט פארשידענע מענטשן, וואס מזמן לזמן, יעדן טאג, הערט מען א חוות דעת א השקפה פון פשוטע ליידיגע מענטשן, אסאך קלים וריקים, וואס יענער האט אין הארץ געט ער ארויס דערויף, און ער איז עס מודיע פאר׳ן חבר. דער קאפ און דער מח ווערט פול מיט שטותים, מיט דברים של מה בכך, מיט נארישקייטן. נו ווי קען דאס הארץ נאכדעם ברענען פארן אייבערשטן בשעת ער גייט טוען א מצוה? דער קאפ איז אים נישט אויפן פלאץ, ער איז ארומגענומען מיט אזויפיל נארישקייטן אין קאפ, אז ער האט נישט די כוחות ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטן בשמחה.

## בני אדם נעשים אדוקים בזה, ואי אפשר להסיח דעתו ממנו

**מען** זעהט עין בעין וויאזוי מענטשן ווערן עדיקטעט דערצו, אז זיי קענען ממש נישט מסיח דעת זיין דערפון. מ׳קען אסאך מאל זעהן א מענטש, ס׳גייט נישט אדורך קיין דריי מינוט דארף מען עס ארויסנעמען פון טאש, אפשר האט איינער געשריבן עפעס, אפשר האט שוין איינער נאך עפעס מודיע געווען. דער מענטש פארלירט זיך אינגאנצען, ער איז שוין מער נישט אין זיין רשות, ער קען זיך נישט קאנטראלירן, ער איז צוגעבינדן מיט קייטן דערצו, קשורה בו ככלב, ווי דער לשון וואס שטייט אין די גמרא. טאמער גלייבט ער נישט אז ס׳איז אזוי אז ער איז עדיקטעט, זאל ער זיך איבערצייגן, זאל ער פרובירן צוויי טאג אוועקצולייגן ער זאל עס נישט נוצן, איך גאראנטיר אים אז ער וועט נישט זיין קיין מענטש, ער וועט זיך נישט קענען קאנטראלירן. אפטיילן דערפון אויף א טאג צוויי, איך נעם עס נישט ארויס. אפילו א שבת און יו״ט, ס׳איז אים א עינוי נפש אדורכצוגיין, נאר ער ווייסט עכ״פ דער חבר נוצט עס אפשר אויך נישט און ער האט נישט וואס צו שיקן, אבער אין א וואכן טאג זאל ער עס נעמען, און אוועקלייגן פאר א טאג, צוויי, דאס נישט צו נוצן, וועט ער זעהן ווי ווייט ער איז צוגעבינדן געווארן דערצו.

**חז״ל זאגן, הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה** (אבות ג-א), **קוק אויף דריי זאכן וועסטו נישט צוקומען צו די הענט פון אן עבירה. איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען, אן עבירה האט הענט? עבירה**

**האט נישט קיין הענט, אן עבירה איז אן עבירה. הסתכל בשלשה דברים ואין אתה עובר עבירה. דער פשט דערפון איז, ס'איז דא אזעלכע עבירות וואס האבן הענט, זיי נעמען ארום דעם מענטש פון ביידע זייטן און זיי טוען אראפבינדן, ער איז שוין נישט קיין שולט אויף זיך אליין, ער קען זיך נישט קאנטראלירן.**

**און** אזא איינער אפילו ווען ער לערנט און דאווענט און טוט מצות פונעם אייבערשטן, אבער ס'פעלט אים צו זיין א איד. דאס הארץ זאל אים ברענען פאר תורת ה', ער זאל זיין פרייליך אין קיום מצות ה'. ווייל מ'קען נישט מצמצם זיין, זיין מוח, צו ליבשאפט פונעם אייבערשטן, מ'איז אנגעפולט מיט מחשבות פון שטותים מיט הבלים וואס ער נעמט אריין אין זיך דעם גאנצן טאג.

## העונש מן השמים היא על שלא הסיר המניעות לעבודת בוראו

**און** דאס איז דער עונש, תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה, דאס וואס דו ביסט צוגעבינדן אין די כלים וואס טוען דיר פארדרייען דיין קאפ שטענדיג, און זיי זענען דיך מבלבל שטענדיג, מיט פרישע נייעס מיט פרישע שטותים, דאס ברענגט דיך צו, אז דו קענסט נישט דינען דעם אייבערשטן, פארדעם וועסטו געשטראפט ווערן. פארוואס האסטו נישט מסלק געווען אלע דיינע זאכן וואס שטערן דיך פון עבודת ה'. דאס איז די זאך וואס שטייט 'תחת' אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה, אז ס'פעלט פון אונז די שמחה צו טאנצן ווען מ'לייגט תפילין אדער א אנדערע מצוה, דאס איז וועגן דעם ווייל דיין קאפ איז נישט דארטן, דו טראכסט אפילו נישט ווען דו טוסט א מצוה וואס פארא זכיה דו האסט אז דו טוסט עס, איז ווי קענסטו זיין דעמאלטס בשמחה.

## המשתמש תמיד בכלים אלו,
## חסר לו הקשר עם אשתו ובניו ומזניח חינוכם

**די אלע וואס זענען צוגעבינדן צו די כלים, איך רעד פון די כשר'ע כלים וואס ס'זאל זיין בתכלית הכשרות, ברבות הימים ווערט ער אויס מענטש. ער קומט אהיים אין שטוב ער איז נישט קיין מאן פאר זיין ווייב, ער איז מער נישט קיין טאטע פאר זיינע קינדער.** מיר האבן נישט קיין חשוב'ערן תפקיד אין אונזער לעבן ווי ערציען אונזערע קינדער, מגדל זיין אז זיי זאלן זיין מענטש'ליך, זיי אנפולן מיט אהבת תורה און יראת ה'. ואת עמלנו אלו הבנים, אונזער גאנצער פלאג איז נאר פאר אונזערע דורות. ווען א מענטש איז צוגעבינדן צו די כלים, ווען ער קומט אריין אין שטוב און ער זעצט זיך אראפ מיט זיינע קינדער, זיין קאפ איז נישט דארטן, זיין קשר מיט זיין ווייב ווערט אפגעשוואכט, דער חינוך פון זיינע קינדער ווערט נאכגעלאזט.

**אפילו** ווען ער וויל שוין זיין מצמצם זיין מחשבה פאר א פאר מינוט, ער האט שוין אפילו נישט וואס צו פארקויפן פאר זיי, זיין קאפ איז דאך א גאנצן טאג ארומגענומען נאר מיט נארישקייטן און מיט שטותים. **א מענטש קען נישט איבערגעבן א זאך וואס ס'פעלט אים אליין דאס קען ער נישט איבערגעבן. זיין גאנץ אידישקייט ווערט נאכדעם כמצות אנשים מלומדה, ומה יעשה הבן שלא יחטא. נאכדעם קוקט מען פארוואס א קינד ווערט פארפאלן.**

## להשתמש בהם רק לצורך מסחרו,
## ולא לעשותו כלי של תקשורת

**יעדער** ווייסט אז א קאר איז זייער א נוצליכע און א חשובע מאשין, ס'העלפט זייער אסאך צו, פאר די באקוועמליכקייט פון א מענטש, ער דארף גיין פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, ער האט א קאר, טראגט עס אים און עס ברענגט אים, ס'איז זייער באקוועם. אבער עס איז דא כללים וויאזוי א מענטש קען זיך באנוצן מיט א קאר, ווען א מענטש וועט נעמען א קאר און ארויספארן פונעם גאדער אויף די סייד-וואק, ער ווייסט אז ער קען נישט נוצן דעם קאר אויף דעם וועג. ער וויל פארן אויף הונדערט און צוואנציג מייל, ווייסט ער אויך אז ער קען נישט, ס'איז דא א גבול וויפיל ער קען פארן. און ער ווייסט וויא ער דארף זיך אפשטעלן, עס איז דא א סטאפ סיין אבער א רעד לייט מוז ער זיך אפשטעלן, ווען איינער זאל נעמען די קאר און פארן דערמיט אן קיין שום הגדרות, מאכט ער דערפון א כלי וואס הרג'עט מענטשן.

**די** זעלבע זענען די היינטיגע כלים וואס מ'האט, די סמארט-פאונס מיט די אינטער-נעט, אפילו וואס מען דארף עס האבן, נאר נוצען ווען מען דארף עס האבן. **ווען א מענטש געוואוינט זיך צו דערצו, און ער ווערט עדיקטעט דערצו, און ער הייבט זיך אן צו באנוצן דערמיט אן קיין שום גבולים, ווערט עס א כלי וואס טוט צוברעכן א שטוב, עס איז מהרס, ער פארלירט זיך, ער פארלירט זיין ווייב, ער פארלירט די קינדער, און זיין גאנץ לעבן גייט אוועק מיט ליידיגקייט.** עס איז טאקע א נוצליכע כלי, אבער א נוצליכע כלי דארף מען אויך ווייסן וויאזוי מ'מעג עס נוצן. **ס'איז פאר ביזנעס, און נאר פאר ביזנעס.** עס איז נישט פאר עפעס אנדערש וואס איך דארף נוצן די כלי. עס דארף נישט האבן קיין שום פארבינדונגען מיט קיין שום מענטש אויף דער וועלט, אויסער וואס ער דארף עס פאר זיינע געשעפטן.

**מען דארף רחמנות האבן אויף זיך, און רחמנות האבן אויף ענקערע קינדער. עס זאל נישט אוועקגיין דאס לעבן פונעם מענטש מיט א ליידיגקייט. די כלים אפילו ס'זאל זיין בתכלית הכשרות, דארף מען זיך געוואוינען דאס צו נוצן נאר פאר מסחר און נישט פאר עפעס אנדערש. נישט קיין סאשעל מיט אנדערע. נישט קיין נייעס מיט ידיעות פון פרעמדע.** ס'איז גענוג וואס דער קאפ איז אונז פול פון וואס מיר הערן, וואס מ'קען נישט לעבן אן דעם. מ'דארף אכט געבן נישט צו פארברענגען אונזער צייט. **דאס לעבן פון א איד איז דאך זייער טייער, יעדע רגע קען ער זיך קויפן מצוות ומעש"ט, מיר דארפן אויסנוצן יעדע רגע פון אונזער לעבן פאר תורה און עבודת ה', התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, מיר דארפן זיך צוגרייטן אויף די וועלט מיר זאלן קענען אנקומען לטרקלין.** ס'איז א שאד יעדע מינוט וואס א איד טוט עס צופאטשקען אויף אזעלכע דברים של מה בכך.

*

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (לד-יב), לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם, גייטס קינדער, הערטס מיך צו, איך וויל לערנען מיט ענק יראת ה', מי האיש החפץ חיים, ווער וויל לעבן, אוהב ימים לראות טוב, נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה, סור מרע ועשה טוב, און אזוי ווייטער. די מפרשים שטעלן זיך ס'דארף שטיין 'בואו בנים' קומטס קינדער, וואס איז דער לכו, גייטס, ער וויל דאך לערנען מיט זיי יראת ה'? עס איז באקאנט וואס ס'שטייט פון ר"ר שמעלקא מניקלשבורג זי"ע, אמאל טרעפט זיך אז א מענטש הערט מוסר און ער ווערט נתעורר לפי שעה, אבער נאכדעם ווען ער גייט אהיים איז ער זיך נישט משים לב מער אויף די ווערטער וואס ער האט געהערט. זאגט מען 'לכו' בנים שמעו לי, נישט יעצט זאלט עטץ מיך אויסהערן, לכו בנים, ווען מען הייבט זיך אויף און מען גייט אהיים, דעמאלטס שמעו לי יראת ה' אלמדכם, דעמאלטס זאלט עטץ צו לייגן צו ענקער הארץ די יראת ה' וואס איך האב מיט ענק געלערנט.

## שינוי באופן החינוך ממה שחינכו אבותינו

**איך** מיין אז ס'ליגט דא א נקודה, מען ווייסט אז חינוך פון קינדער איז לעצטנס געווארן זייער שווער, ס'איז פון די עבודות קשות שבמקדש, מיר פארלירן טאג טעגליך אידישע נפשות וואס גייען ארויס לתרבות רעה. דאס ווייזט אז ס'איז געווארן עפעס א חולשה, א שוואכקייט,

אדער א שינוי, א טויש, אין דעם וועג וויאזוי זענען מיר מחנך אונזערע קינדער. עפעס פעלט דא אן אינגרידיענט וואס זענען מיר יא נתחנך געווארן דערמיט, וואס אין אונזערע צייטן האט זיך יא געהאלטן אידישקייט, עפעס פעלט וואס מיר געבן נישט איבער פאר אונזערע קינדער פון וואס מיר האבן מקבל געווען, צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**אמת**, די נסיונות היינט זענען אינו דומה צו וואס ס'איז געווען אמאל, דער יצר הרע ברענט היינט אינדרויסן אויף די גאסן מיט אן אויסערגעווענליכן כח, ס'איז היינט זייער גרינג פארפאלן צו ווערן, און נכשל צו ווערן. מ'קען היינט צוקומען צו אלעם אויף די וועלט, אן קיין שום טירחא. עם כל זה, ווען אונזער חינוך פאר תורה ומצוות וואלט געווען ביי די קינדער אריינגעבאקן פון די יוגענט ווי ס'דארף צו זיין, ס'וואלט געווען ביי זיי איינגעפלאנצט מיט א שטארקן שורש, וואלטן זיי געהאט די כוחות אז זיי זאלן קענען קעמפן מיט די שוועריקייטן וואס איז דא היינט אויף די גאס. אז אונזערע קינדער קענען נישט קעמפן מיט די שוועריקייטן, פעלט עפעס אין אונזער חינוך, וואס אונז האבן עס יא באקומען און מיר געבן נישט איבער דעם מעסעדש געהעריג פאר אונזערע קינדער אז זיי זאלן אויך אויף דעם וועג נתחנך ווערן.

## להחדיר דיבורי אמונה פשוטה לפני הבנים בנערותם

**אונזערע** טאטעס און מאמעס זענען געווען דורכגעווייקט מיט אמונה טהורה, מיט א ריינע אמונה אינעם אייבערשטן. עס איז געווען אנגעזאפט אין זייער נפש שטיקער פון אמונה. עס וואלט נישט מעגליך געווען אז זיי זאלן אדורכגיין אזא קריג וואס זיי זענען אדורכגעגאנגען, און געבליבן ערליך, ווען ס'וואלט נישט געווען דער מהות פון זיי אמונת ה'. אמאליגע צייטן זענען עלטערן נישט געווען פארנומען מיט טעלעפאנען, אין דער אלטער היים איז דאך אפגערעדט, ס'איז נישט געווען קיין טעלעפאן, ס'איז נישט געווען קיין כלי וואס ס'זאל זיך מקשר זיין מיט פרעמדע. א מאמע איז געזעסן אין שטוב, געקאכט און געבאקן און גענייט און געטוען שטוב זאכן וואס מ'דארף, און דירעקט און אומדירעקט האט מען אריינגעגעבן ווארעמקייט אין די קינדער. געשמועסט פון אמונת ה', געשמועסט פון קדושת התורה, געשמועסט פון די קדושה פון די אבות, ערליכקייט און אידישקייט איז געווען דער מדובר אין א אידישע שטוב. מ'האט געזינגען א לידל פאר א קינד, איז דאס לידל געווען אנגעזאפט מיט אמונת ה', וואס דאס האט מען געזינגען פאר די קינדערלעך ווען מ'האט זיי איינגעשלעפט. דאס גאנצער מהות פון די אמאליגע אידן איז געווען תמימות. ערליכע תמימות, אויסערגעווענליכע תמימות, תמים תהיה עם ה' אלקיך, זיין א תמים מיטן אייבערשטן, און זיי האבן אריינגעלייגט די ריינע אמונה, פון קינדוויז אן האבן זיי דאס אריינגעפלאנצט אין זייערע קינדער.

**מען** איז היינט זייער פארנומען, דער קאפ איז נישט אויפן פלאץ, די שטובער זענען פארנומען מיט אלעם אויף דער וועלט, די קינדער איז נאר, מ'דארף דאך מגדל זיין קינדער אויך, ס'איז א חלק געווארן פון די שטוב ארבעט אז מ'דארף אויך טוען פאר חינוך פון די קינדער. דער אמת איז, **מען דארף היינט רעדן אסאך דברי אמונה פשוטה, פשוט מאמע לשון דארף מען רעדן צו קינדער, ווען זיי זענען נאך יונג, אז ס'איז דא א בורא עולם, מיר זענען דא אויף די וועלט ס'איז דעם אייבערשטנ'ס וועלט, מען דרייט זיך נישט ארום דא סתם אזוי און מען קען טוען וואס מען וויל, מען איז ביי יענעם אין שטוב, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, מיר דארפן טוען דעם רצון פונעם אייבערשטן. דער באשעפער קוקט זיך אום אויף אלעם, אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה'. אריינלייגן אמונה אז דער אייבערשטער איז משגיח אויף אונז, ער איז דער גוטער טאטע, דער טוב ומטיב, דער אייבערשטער וועט באצאלן שכר פאר יעדע מצוה וואס מ'טוט בעולם הזה ובעולם הבא. אונזער אמונה אינעם אייבערשטן איז ביי אונז אויסגעקנעטן, מיר זענען געשטאנען אלע ביים בארג סיני, מיר האבן געהערט מיט אונזערע אויערן דעם אנכי ה' אלקיך, ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו אונז.**

## השואלים קושיות בעניני אמונה, רוצים ליישב אופן הנהגתם בהפקירות

**עס** איז נישטא אין די גאנצע וועלט אזעלכע חכמי ישראל וואס אידן האבן געהאט, וואס זיי זענען די אלע זאכן אדורכגעגאנגען, די אלע זאכן שוין חוקר געווען, **קומען היינט ארויס יונגע קינדער, מ'האט קשיות, ער פרעגט אזוי און ער פרעגט אזוי, און מ'זאל אים ענטפערן די קשיא און יענע קשיא. דו האסט קשיות? דו ביסט דאך אן 'אפרוח שלא נפתחו עיניו', ס'האט זיך נאך נישט געעפענט דיינע אויגן, דו פארשטייסט גארנישט אויף די וועלט, דיין חכמה איז אזוי קליין אז מ'קען עס גארנישט מסביר זיין. דו פארשטייסט וויאזוי עלעקטריק ארבעט? דו פארשטייסט וויאזוי טעלעפאן ארבעט? א ווייער-לעס טעלעפאן וויאזוי ס'ארבעט, פארשטייסטו? דו פארשטייסט וויאזוי אינטער-נעט ארבעט? אלעס פארשטייסטו, ס'קומט צו אמונה דארף מען דיר מסביר זיין, און מען זאל דיר געבן צו פארשטיין אז דו זאלסט עס קענען פארשטיין... איין תוס' אין ש"ס קענסטו נישט אפלערנען ווי ס'דארף צו זיין, און דו ביסט דער חכם... פאר דיר דארף מען מסביר זיין אידישקייט...**

**אונזער אמונה איז א טיפע אמונה, מיר האבן דאס מקבל געווען פון אונזערע אבות. דאס דארף מען רעדן צו קינדער, מען דארף עס ארויפברענגען פאר זיי, און אריינפרעגלען אין זיי א פשוט'ע ריינע אמונה.**

**עס** איז דא א ספר פון ר' איסר זלמן מלצר זצ"ל - אבן האזל - אויפן רמב"ם, מ'קען עס נאכקוקן, סוף פון הלכות מעילה, שרייבט ער, שמעתי בשם גאון אחד, איך האב געהערט פון א גאון, אז א פרייער האט אים געזאגט, רבי יש לי קשיות, איך האב קשיות, האט אים דער גאון געזאגט, **ווען דו וואלסט געהאט קשיות וואלט איך דיר געקענט פארענטפערן דיינע קשיות, דער חסרון איז, אז דו האסט נישט קיין קשיות, דו האסט תירוצים. דו ווילסט נישט היטן וואס ס'שטייט אין די תורה, דו ביסט עבדא בהפקירא ניחא ליה, דו ווילסט זיין א הפקר יונג, אבער דו קענסט דאך נישט, ס'איז דאך דא א רבוש"ע וואס זאגט אז מען טאר נישט, וכדי דו זאלסט פארענטפערן דיינע תאוות, דו זאלסט עס קענען נאכגיין, האסטו דיר אויפגעבויט קשיות אז דו זאלסט האבן תירוצים אויף אלעם וואס דו טוסט.** און אז דו וועסט מיך פרעגן, אויף תירוצים קען איך דיר נישט ענטפערן קיין אנדערן תירוץ, וואס איך וועל דיר ענטפערן וועט אלץ זיין קשיות.

**שרייבט** ער [ר' איסר זלמן] דער גאון האט געזאגט, מען זאגט אין די הגדה, רשע מה הוא אומר, ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר, ווייל ער האט זיך מוציא געווען פונעם כלל, האט ער געלייקנט אינעם אייבערשטן. ס'איז פארקערט, קודם איז מען א כופר און נאכדעם ווערט מען א יוצא מן הכלל, וואלט ער געדארפט צו זאגן לפי שכפר בעיקר הוציא את עצמו מן הכלל? זאגט ער ניין, ס'איז נישט אזוי, די סיבה פארוואס ער איז א כופר איז, ווייל ס'איז הוציא עצמו מן הכלל, ער וויל נישט טוען וואס א איד טוט, ער וויל גיין אין זיין וועג וואו ער וויל גיין, און ווייל ער זאל זיך גוט שפירן ווען ער גייט אוועק פונעם ריכטיגן וועג, לפי שהוציא את עצמו מן הכלל, ווייל ער האט זיך מוציא געווען, וועגן דעם איז כפר בעיקר, וועגן דעם איז ער געווארן א כופר.

## אמירת אני מאמין בכל יום לחיזוק האמונה

**מען** דארף געוואוינען זיך, און די קינדער, מען זאל זאגן אני מאמין, שלש עשרה עיקרים וואס א איד איז מחויב צו גלייבן דערין שטענדיג.

איבער׳חזר׳ן אויף די י״ג עיקרים שטענדיג. ריבוי הדיבור איז מחזק די אמונה, ווען מען רעדט אסאך פון אמונה ווערט א איד נתחזק אין אמונה. **מ׳וואלט געדארפט געוואוינען קינדער אין תלמוד תורה, אז מען זאל זאגן אני מאמין, מען זאל זיך געוואוינען צו זאגן און מסביר זיין וואס דער אני מאמין מיינט. כל שכן ווען מען רעדט אין ישיבות צו בחורים, דארף מען רעדן פון אמונה פשוטה. מען קען היינט פרעגן א בחור ווען האסטו געהערט די לעצטע מאל עפעס א דרשה וועגן אמונה. ער וועט נישט געדענקען די צייט וואו ער זאל הערן אמאל רעדן דערפון.**

*

## חינוך הבנים - להכניס בהם אהבה וחמימות לקיום מצות ה׳

**נאך** א נקודה וואס איז דא אין חינוך פון קינדער. חינוך פאר קינדער איז נישט אז מען האט א לאנגע רשימה וואס מען זאגט פאר די קינדער, דאס טאר מען נישט טוען, דאס מעג מען טוען, דאס דארף מען טוען. **חינוך איז אריינצוברענגען ליבשאפט און ווארימקייט אין די קינדער צו קיום מצוות ה׳. דאס קומט, ווען מען רעדט צו קינדער, און מען איז מסביר די שיינקייט פון תורה, אז די דרכי התורה דאס איז הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז אונזער לעבן, דאס איז אונזער אריכות ימים.** מען קען נישט זיין קיין נארמאלער מענטש, אן אדם השלם, אז מען פירט זיך נישט על פי תורה. מען זאל אריבערגיין די גאנצע וועלט וועט מען נישט טרעפן אידלקייט און ערליכקייט, אזוי ווי מען טרעפט ביי בני תורה. עס איז נישטא נאך אין די וועלט אזא סארט מהות ווי דאס וואס ס׳איז דא ביי בני תורה.

**מסביר** זיין פאר די קינדער, איסורי התורה וואס די תורה האט אונז גע׳אסר׳ט, קומט נישט שווער צו מאכן פאר א מענטש אז מען זאל נישט טוען די זאכן, איינשפארן דעם מענטש אין קייטן וואס מען טאר נישט טוען, דאס קומט אויף אונז צו היטן אז מיר זאלן נישט אדורכפאלן, מיר זאלן נישט נבשל ווערן מיט די גשמיות׳דיגע וועלט. אזוי ווי א מענטש פארשטייט, אז ווען ער זעצט זיך אריין אין א קאר, און ער טוט זיך ארומבינדן מיט א סיט-בעלט, איז דאס נישט געמאכט געווארן אז ס׳זאל אים פלאגן, ער זאל זיין צוגעבינדן אויף א פלאץ, דאס איז געמאכט געווארן אים צו היטן. די תורה איז אונזער סיט-בעלט, אז מיר זאלן קענען זיין אויף די וועלט, און ארומדרייען זיך ערליך, און נישט אדורכפאלן מיט וואס א גוי פאלט אדורך, צו דעם דארף מען האבן א תורה.

## להודיע לבניו יופיה של תורה, דרכיה דרכי נועם

**און** מען דארף שטענדיג איבערגיין מיט קינדער די שיינקייט פון תורה, ווי די תורה איז פאר אונזער טובה, בעולם הזה ובעולם הבא, נאר דורך די וועגן פון די תורה קען מען זוכה זיין צו גוטס. **ארויסברענגען אין שטוב אז די אלע וואס האבן זיך אוועקגעגליטשט און זענען אוועקגעגאנגען פון תורה, די זענען אומגליקליכע מענטשן, זיי פילען נישט קיין סיפוק אין זייער לעבן, ווען זיי גייען אוועק פון תורה. ס׳פעלט זיי א לעבן פון א משפחה, ס׳פעלט זיי די זיסקייט וואס איז דא אינעם לעבן. ער איז אריינגעטוען אין תאוות וואס לאזט אים נישט קיין מנוחת הנפש, ער האט נישט קיין רוהיגע מינוט אין זיין לעבן.**

**ווי שיין איז א שטוב וואס פירט זיך על פי תורה, עס זיצן א טאטע, זיידעס, קינדער, און אייניקלעך, און מען זיצט צוזאמען און מען פארברענגט איינאיינעם, נישטא אזא סיפוק אין די וועלט, אז מען זאל דאס קענען אראפלייגן ווי שיין עס איז א תורה׳דיגע שטוב, ווי די תורה דאס איז אונזער לעבן, דאס איז אונזער גוטסקייט,** תורה איז נישט שלעכטס צו טוען פאר אונז. דער היפוך פון תורה איז את המות ואת הרע, שלעכט און עס ברענגט צו מות. די תורה איז נישט קיין ספר פון איסורים פון וואס מען דארף זיך צוריקהאלטן, די תורה איז א מדריך צו לעבן א געזונטן לעבן, אן ערליך לעבן, א וואויל לעבן, די תורה איז דער וועג וואס עס ווייזט אונז ווי אזוי מען זאל קענען צוקומען דערצו.

**אזוי** ווי יעדער פארשטייט, אז מ׳האט געמאכט גדרים אויף רייכערן, אז מען קען נישט געבן פאר יעדן א ציגארעטל אין די האנט. מען קען נישט פאר יעדן געבן צו טרינקען ברוינפן, שיכרות דארף האבן גדרים. ער פארשטייט אז דראגס דארף מען היטן. און ווען מ׳היט די אלע זאכן, איז דאס זאכן וואס איז א טובה, ס׳איז נישט קיין שלעכטיגקייט וואס איז דא דערין. אזוי איז דרכי התורה, אז א מענטש זאל קענען לעבן ערליך, דארף מען זיך פירן ווי די תורה זאגט.

**ווער** ס׳איז משיג און ער קומט צו די הכרה אז אין טוב אלא תורה, אז די תורה דאס איז גוטס, דער וועט קיינמאל נישט בועט זיין אין לעבן פון תורה. דער וועט קיינמאל נישט אוועקגיין פון תורה, ווען ער וועט פארשטיין די שיינקייט וואס איז דא אין תורה. אזוי דארף זיין דער חינוך פון קינדער, אריינברענגען אין זיי אהבת תורה ויראת שמים, שטענדיג ארויסברענגען די שיינקייט, ווי שיין ס׳וועט זיין ווען ער וועט אויסוואקסן א תלמיד חכם, ווי שיין ס׳וועט זיין ווען ער וועט אויסוואקסן אן ערליכער איד.

## תשומת לב לחינוך הבנים, ובפרט בשבתות וימים טובים

**אבער** מדריך צו זיין יונגערהייט, דארף מען האבן אסאך צייט, שימת לב, צולייגן א הארץ צו זיי, טראכטן איביג צו טרעפן די ריכטיגע ווערטער, טרעפן די צייט ווען ס׳איז פאסיג ער זאל זאגן די ווערטער פאר זיי. **אז דער קאפ איז אריינגעלייגט אין סמארט-פאונס און אין שטותים, זיין גאנצע קאפ איז נישט אויף די וועלט, פארטראכט אין אלע אנדערע זאכן וואס טוט זיך אויף דעם עולם, איז נישט מעגליך אז ער זאל קענען איבערגעבן פאר קינדער, אריינלייגן אין זיי אהבת תורה ויראת שמים.** ווען דער קאפ איז אים אנגעפולט מיט עפעס אנדערש, קען נישט ליגן דער קאפ אין חינוך פון קינדער. אז מען וויל זיין איבערגעגעבן פאר די קינדער, דעמאלטס על כל פנים ווען מען קומט אהיים אין שטוב, אלעס פארגעסן, אפילו די ביסל געשעפטן וואס מען מאכט, דאס איז נישט אינדערהיים, ווען די קינדער זענען דא בין איך א טאטע פאר קינדער, איך זיץ צוזאמען מיט זיי, אריינברענגען ליבשאפט צו די קינדער, ממשיך זיין נאנטקייט צו קינדער, אז די קינדער זאלן נישט וועלן אוועקגיין פון די שטוב פון די עלטערן. זיך איבערגעבן צו זיי מיטן גאנצן הארץ און רעדן מעומק הלב, דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צוצוקומען און האבן שיינע דורות.

**כל** שכן ווען ס׳קומט שבת און יום טוב, יעדער איינער איז אביסל מער פריי ווי אינדערוואכן, **מען דארף מאכן דעם שבת מוקדש פאר קינדער, דעם גאנצן קאפ אריינלייגן, איך זיץ צוזאמען דעם שבת מיט מיין בני בית, צוגרייטן זיך פון ׳פאר׳ שבת, וואס גיי איך טוען דעם שבת, וויאזוי גיי איך זיצן מיט מיינע קינדער, וואס גיי איך זיי זאגן, וואס גיי איך רעדן פאר זיי, וואס וועל איך צוגרייטן ס׳זאל זיין א שמועס זיי צו ממשיך זיין, צוציען זייער הארץ בדרכי נועם, פארציילן סיפורי צדיקים, שיינקייט און ערליכקייט וויאזוי ערליכע אידן האבן זיך געפירט, נקודות וואס מען קען זיך אראפלערנען פון זיי א לימוד וואס איז נוגע פאר די קינדער, אין תורה און עבודה און מדות טובות. מחנך זיין קינדער זאלן זיין דבוק אין חכמי ישראל, זיי זאלן שטענדיג הערן דברי תורה ווען ס׳קומט זיי אויס אז זיי זאלן קענען הערן, אז וואס זיי וועלן נישט קענען זעהן ביי אים, און מקבל זיין פון אים, זאלן זיי באטש האבן וואו צו גיין און קענען דאס מקבל זיין.**

## ׳לכו בנים׳ שמעו לי....

**ווען** דוד המלך האט געוואלט ארויסברענגען די שיינקייט פון אידישקייט, די שיינקייט פון דרכי התורה, האט ער קודם געפרעגט מי האיש החפץ

חיים, איך וויל ענק פרעגן א שאלה, ווער וויל לעבן, ווער איז דער וואס איז אוהב ימים לראות טוב, ער האט ליב טעג צו זעהן דערין גוטס, נאכדעם וואס ער האט אראפגעלייגט אזא שאלה, זאגט ער, אז עטץ ווילטס זוכה זיין צו לעבן, עטץ ווילטס זוכה זיין צו זעהן גוטס, סור מרע ועשה טוב בקש שלום ורדפהו, דער סור מרע ועשה טוב וואס איך בעט פון ענק, איז נישט ארדערס וואס מען גיט ארויס, טו נישט דאס, טו נישט יענץ, מ'טאר נישט. נאר מסביר זיין, דאס איז חפץ חיים, דאס איז אוהב ימים לראות טוב, איך וויל נאר דיין גוטס, איך וויל דיין לעבן, און דאס אלעס וואס איך זאג דיר, איז וועגן וואו די תורה איז דיך מדריך, וואס דורכדעם וועסטו האבן א געזונטן לעבן שפעטער

**מיט** א זעלכע רייד קען מען אויפטוען, און דעמאלטס וועט מען מקבל זיין די ווערטער נישט נאר בשעת מ'הערט עס, נאר ס'וועט זיין לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם, אפילו ווען מ'וועט אהיימגיין. **מ'גייט נישט אהיים אז מ'האט מיך גע'אסרט איך קען נישט טוען דאס, איך קען נישט טון יענס, איך גיי אהיים מיט א הכרה איך וויל האבן א גוטע שטוב, איך וויל האבן א גוט לעבן פאר מיר אליין, און מען האט מיך אויסגעלערנט אז כדי איך זאל קענען זיין א מענטש פאר מיר אליין, דארף איך אוועקלייגן מיינע כלים וואס איך האב, און עס קומט נישט איך זאל עס האבן, און דורכדעם וועל איך קענען פירן א גוטע שטוב.** ער דארף אהיים גיין מיט א שמחה אז וואס ער טוט איז פאר זיין טובה, מען האט אים נישט געבינדן אין א סיט-בעלט כדי ער זאל זיין געפייניגט נאר בכדי ער זאל נישט געשעדיגט ווערן, וועגן דעם האט מען עס ארויסגעברענגט פאר אים.

**דעמאלטס** וועט ער אויך זוכה זיין, אז **אפילו ס'וועט קומען אמאל א זמן וואס 'לכו בנים', וואס די גאס וועט רייצן קינדער איבער צו לאזן די שטובער פון די עלטערן, ס'וועט נישט זיין קיין בואו בנים, נאר לכו בנים, וועט זיין שמעו לי יראת ה' אלמדכם. ווען זיי וועלן פארשטיין אז דאס איז חפץ חיים, דאס איז אוהב ימים לראות טוב, דאס איז גוטס, דאס איז לעבן, דעמאלטס וועלן זיי וועלן אנהאלטן זיך דערצו, און וועלן ממשיך זיין און גיין אויף דעם וועג.**

*

## 'איש יהודי' שהפך החומר שלו להיות יהודי בעצמו ומהותו

**איש** יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי, ס'איז דא אמאל וואס א איד איז א איד, ווייל ער איז נעבעך א איד, ער האט נישט קיין ברירה, ער האט מקבל געווען די תורה, ער מוז פאלגן, און ער פירט זיך טאקע ערליך, ער פירט זיך מיט אלעם ווי ס'דארף צו זיין, אבער זיין מהות איז נישט קיין איד, ווי דער חובת התלמידים האט זיך געבעטן ביי די פערציג יאר, ווען ער איז געווען שוין אויסגעארבעט פון תורה און תאוות הגוף, האט ער נאר משתוקק געווען צו זיין א איד. ווייל אז דער מהות איז א איד, קען מען אים נישט טוישן, ער איז א איד. אזוי ווי מ'קען נישט נעמען פון אן עפעל און מאכן אן אראנדזש, ווייל דער מהות איז א עפל. **ווען א איד איז במהותו אנגעזאפט מיט אידישקייט, קען מען אים נישט טוישן, ער קען זיך נישט טוישן, דאס איז ער. איינער וואס איז נאר מן השפה ולחוץ, היינט קען ער עומד בנסיון זיין, מארגן פאלט ער אדורך.**

**איש** 'יהודי' היה בשושן הבירה, אסאך אידן זענען געווען אין שושן הבירה, אבער נישט יעדן איינעם קען מען אנרופן אז ער איז געווען אן איש יהודי, זיין מהות איז געווען א איד. די אידן אין שושן האבן זיך געפירט ערליך, זיי האבן געטוען וואס מ'דארף, אבער אז ס'איז דא א משתה ביי אחשורוש, מען קען גיין הוליען, זייער גוט, איז מען געגאנגען אהין, און מ'האט איבערגעלאזט זיין אידישקייט. איש יהודי היה בשושן הבירה, איין איד איז געווען אין שושן הבירה, ושמו מרדכי, מרדכי איז געווען א 'איש יהודי', ער איז געווען במהותו א איד, אים קען מען נישט רוקן, זאל זיך די גאנצע וועלט בוקן פאר המן, ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה, מרדכי בייגט זיך נישט. און מען זאגט פאר המן אז מרדכי בייגט זיך נישט, כי הגיד להם אשר 'הוא יהודי', מיין מהות איז א איד, און א איד קען זיך נישט בייגן, קענסט טוען מיט מיר וואס דו ווילסט, קענסט מיך הרג'נען, אבער בוקן זיך פאר אן ע"ז וועל איך נישט — דאס איז געווען די מדריגה פון מרדכי.

**וועגן** דעם איז מרדכי געבליבן מיט זיין צדקות מתחלתו ועד סופו, כי מרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש (אסתר ט-ג), אפילו ווען ער איז געווארן א משנה למלך אחשורוש, ער איז צוגעקומען אויף די העכסטע דרגא פון כבוד וואס ער האט געקענט האבן דארטן, איז זיין מרדכי 'היהודי' נישט אוועקגעגאנגען, ער איז א מרדכי היהודי, וואס זיין מהות איז א יהודי אפילו ווען ער איז משנה למלך אחשורוש, און אייביג איז ער געווען א דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו.

**דאס איז אונזער עבודה, אז מיר ווילן זיין א איד! נישט גענוג וואס מיר פירן מיר זיך חסידיש, נישט גענוג וואס מיר פירען זיך ווי קדושים, מען דארף ארבעטן אונזער מהות זאל זיין א איד! זיך מגייר זיין, צו זיין פון היינט אן א איד. אונזער הארץ זאל ברענען פארן אייבערשטן, און וואס מיר טוען זאל זיין מיט א דביקות פארן רבוש"ע,** דאס ווערט אנגערופן כי הגיד להם אשר הוא יהודי, דאס הייסט אז מען איז זוכה צו זיין א יהודי.

*

**מ'שטייט** אין אזא צייט, פון די פטירה פון משה רבינו, ווי מ'האט פריער גערעדט, ולא נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע עד היום הזה, דעם היינטיגן טאג האבן אידן עומד געווען על דעת רבם, עס האט אין זיך א קשר צו דעם היינטיגן טאג, אז מען זאל קענען צוקומען צו, היום הזה נהיית לעם לה' אלקיך, מען קען היינט ווערן אן עם פארן אייבערשטן. מען גייט דאך אריין אין די טעג פון פורים, הדר קבלהו בימי אחשורוש, ביז יעצט האט מען מקבל געווען די תורה אבער עס איז געווען מתוך אונס, מען האט געצווינגען אויף אונז די תורה, עס האט געפעלט די אהבה, עס האט געפעלט די שמחה, מרדכי היהודי וואס זיין מהות איז געווען א יהודי, ער האט אראפגעברענגט אויף דער וועלט אז עס זאל קענען זיין הדר קבלוהו בימי אחשורוש, אז מען האט מקבל געווען די תורה מתוך שמחה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה, מחנך זיין אונזערע קינדער מתוך שמחה, לתורתו ועבודתו יתברך שמו, דער באשעפער זאל געבן אין אלע אידישע שטובער, פרנסה בהרחבה, נחת ביי קינדער, מען זאל זיין געזונט אויף אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים. דער באשעפער זאל העלפן אידישע שטיבער זאלן זיין מלא אהבה ואחוה ושלום ורעות, עס זאל זיין אין פרץ ואין יוצאת ואין וצוחה ברחובותינו, מען זאל קענען מגדל זיין אונזערע קינדער ערליכערהייט צו תורה און עבודת ה'. וועט אוודאי אויף אונז מגין זיין דער זכות פון משה רבינו, און דער זכות פון מרדכי הצדיק, וואס אין מדרש (אסתר ו-ב) שטייט אז מרדכי איז געווען דומה צו משה רבינו בדורו, וואס משה איז געווען בדורו, איז געווען מרדכי בדורו, זאלן זייערע זכותים מגין זיין אויף אונז, מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות האמורות בתורה, זאלן מיר אלע האבן שמחה ונחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, דער חודש אדר זאל מרבה זיין שמחה ביי אלע אידישע קינדער, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גרויסע שמחה בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

**ההפצה נדבת חס"ד הי"ו לתועלת הרבים**